ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

## האזינו
**(חלק יט — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת האזינו, ו־יב תשרי, ה׳תשפ״ב (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# האזינו

א. אויפן פסוק „האזינו השמים" איז רש"י מפרש „שאני מתרה בהם בישראל ותהיו אתם עדים בדבר שכך אמרתי להם שאתם תהיו עדים וכן ותשמע הארץ ולמה העיד בהם שמים וארץ אמר משה אני בשר ודם למחר אני מת אם יאמרו ישראל לא קבלנו עלינו הברית מי בא ומכחישם לפיכך העיד בהם שמים וארץ עדים שהם קיימים לעולם". און דערנאָך זאָגט רש"י אַ צווייטן פירוש[1] „ועוד שאם יזכו יבואו העדים ויתנו שכרם הגפן תתן פרי' והארץ תתן יבולה[2] והשמים יתנו טלם[3] ואם יתחייבו תהי' בהם יד העדים תחלה[4] ועצר[5] את השמים[6] ולא יהי' מטר[7] כו'".

דער הכרח אויף רש"י'ס פירוש איז, בפשטות, פון די ווערטער „האזינו השמים", אַז די שמים זאָלן הערן, וואָס לכאורה איז דער תוכן פון דער פרשה ניט מכוון צו שמים וארץ, נאָר צו די אידן — ווי זיי דאַרפן זיך פירן, און וואָס ס'וועלן זיין די תוצאות אויב זיי וועלן זיך אַזוי ניט פירן[8] — דעריבער איז

1) ב' הפירושים ברש"י מקורם בספרי עה"פ, אבל שם הם לא בהמשך אחד (פי' הב' תחלה „הי' ר' בנאה אומר כו'", פי' הא' בסופו „משה העיד כו'") ובשינויים, וראה גם תנחומא ריש פרשתנו.

2) כ"ה בדפוסים שלפנינו. ובזכרי' „את יבולה". וכ"ה בדפוס ראשון דרש"י.

3) זכרי' ח, יב.

4) ועפ"ז מובן מה שלא הביא הכתובים דבחוקותי (כו, יט) ונתתי את שמיכם כברזל ואת ארצכם כנחושה, או דתבוא (כח, כג). וראה פרש"י בהנ"ל, כי שם אי"ז „תחלה", נוסף ע"ז כי מביא בהעונש א) מה שבניגוד להשכר, ב) ובגלוי, משא"כ בהכ' שמיכם כברזל גו'. ולהעיר מהגהות יעב"ץ ע"ז ג, א שמביא בהמשך פרש"י „כמש"ה והיו שמיך וגו'". אבל לא נמצא בדפוסים ובכת"י לפנינו. ואולי אי"ז מדברי רש"י אלא ראיית עצמו.

5) עקב יא, יז.

6) הטעם שהביא הן בהשכר והן בהעונש פסוקים אלו ולא פסוקים אחרים שבתורה (ובפרט שבהשכר הביא פסוק מזכרי' ולא המפורש כמ"פ בתורה) בפשטות הוא לפי שדוקא בהן מפורש דהשכר והעונש בא משמים וארץ (מהעדים) עצמם. ועפ"ז לכאורה צ"ע מדוע כ' גם „ועצר את השמים" שבפשוטו קאי על הקב"ה. ואולי י"ל דמפרש כבגמרא (תענית ג, ב) דועצר את השמים ולא יהי' מטר ב' ענינים הם, וא"כ עיקר הראי' הוא מ„ולא יהי' מטר". והביא גם התחלתו „ועצר את השמים" שממנה מובן דולא יהי' מטר הוא ענין בפ"ע. אבל דוחק הוא בפשש"מ. וי"ל בפשטות דאין כוונת רש"י להביא כתובים שבהם מפורש שהשכר והעונש בא מהן מצ"ע, אלא כפשוטו שבא ע"י שמים וארץ. ולא הביא בהשכר הכתוב דר"פ בחוקותי (כו, ד) „ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה גו'"* (וכיו"ב הכתוב דעקב יא, יד) שאין מפורש בו שבא מן השמים.

7) בהשכר נאמר „יתנו טלם" (לא רק מטר המוכרח) ובעונש „ולא יהי' מטר" (ופשיטא שלא יהי' טל). ראה פרש"י פסוק ב' ד"ה תזל כטל. ולהעיר מתענית שם.

8) בכמה מפרשים (ראה פי' מהרי"ק. ולכאורה כן משמע ברא"ם. וראה באר מים חיים ודברי דוד), שדיוקו של רש"י הוא ממ"ש „ואדברה" (או שרש"י מפרש תיבת „ואדברה"), אבל רש"י לא העתיק רק „האזינו השמים". אבל בדפוס ב' מעתיק גם „ואדברה" (וכן מעתיק „וכן ותשמע הארץ אמרי פי"). וכן הובא במהרי"ק.

*) בדפוס ראשון דרש"י יש הוספה אחר תיבות יתנו טלם „ובתורה ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה וכן ונתתי מטר ארצכם מן השמים ואספת דגנך מן הארץ. לא* לפי שכתב לשון נתינה בשמים ובארץ לכך הביא ראי' משם", וכנראה שזהו מהגהה (ממעתיק וכיו"ב) שהי' כתוב על הגליון והבחור הזעצער הכניסו בפנים פרש"י

*) כ"ה ב(צילום) דפוס ראשון. וברש"י הוצאת שעוועל העתיק „ל"א" (לשון אחר). ויש מגיהים „לפי שלא כתב".

רש״י מפרש אַז משה רבינו האָט געזאָגט צו שמים וארץ אַז זיי זאָלן הערן און זיין „עדים״ אויף דעם וואָס ער איז מתרה די אידן; און ווייטער איז ער ממשיך ומבאר „ולמה העיד בהם שמים וארץ וכו׳״.

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: פריער אין ס״פ נצבים[9] שטייט אין פסוק „העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ״ און אויך דאָרט איז רש״י מפרש צוויי פירושים „שהם קיימים לעולם וכאשר תקרה אתכם הרעה יהיו עדים שאני התרתי בכם בכל זאת. ד״א העדותי בכם היום את השמים וגו׳ א״ל הקב״ה לישראל הסתכלו בשמים שבראתי לשמש אתכם שמא שנו את מדתם שמא לא עלה כו׳ ומה אלו שנעשו לא לשכר כו׳ אתם שאם זכיתם כו׳ עאכו״כ״, איז ניט מובן: א) פאַרוואָס פרעגט דאָ רש״י „למה העיד בהם שמים וארץ״ בשעת מען האָט שוין פריער געלערנט וועגן דער עדות פון שמים וארץ און וועגן דעם טעם פאַרוואָס זיי ווערן געשטעלט אַלס עדים?

ב) אפילו אַז רש״י וויל (מאיזה טעם שיהי׳) אויך אין דער פרשה מפרש זיין דעם טעם פאַרוואָס שמים וארץ זיינען געשטעלט געוואָרן אַלס עדות, האָט ער עס געדאַרפט שרייבן בקיצור, פאַרוואָס שרייבט רש״י די אריכות אינעם ענין אין דער פרשה וואו דאָס שטייט דעם צווייטן מאָל, און ניט ביים (ערשטן מאָל אויפן) פסוק „העדותי בכם היום את השמים גו׳״ (וואו ער זאָגט נאָר בקיצור „שהם קיימים לעולם וכאשר תקרא אתכם כו׳״)?

ג) עד״ז דאַרף מען פאַרשטיין בנוגע דעם צווייטן פירוש בפרשתנו: בשלמא דאָס וואָס רש״י זאָגט אין צווייטן פירוש פון פ׳ נצבים „א״ל הקב״ה לישראל הסתכלו בשמים כו׳ שמא שנו את מדתם כו׳״, און זאָגט עס ניט בפרשתנו[10], איז מובן[11] — וואָרום (ווי רש״י האָט שוין מפרש געווען[12]) וויבאַלד אַז „העדותי בכם היום גו׳״ האָט משה רבינו געזאָגט לישראל אַז ער מאַכט שמים וארץ פאַר עדים, אָבער ניט צו שמים וארץ אַז זיי זאָלן זיין עדים, ובמילא איז מובן אַז דער ענין פון „א״ל הקב״ה לישראל הסתכלו בשמים שבראתי כו׳״ איז מתאים נאָר דאָרטן (בפ׳ נצבים) אַז אידן זאָלן אָפּלערנען די תוכחה פון שמים וארץ, משא״כ בפרשתנו;

אָבער דעם צווייטן פירוש וואָס רש״י זאָגט בפרשתנו „שאם יזכו יבואו העדים ויתנו שכרם כו׳״ פאַסט דאָך לכאורה אויך אין פ׳ נצבים וואָס משה זאָגט די אידן אַז שמים וארץ זיינען עדים — אַז בשעת אידן וועלן זוכה זיין, וועלן די עדים געבן שכרם, און אויב ח״ו ניט כו׳. היינט פאַרוואָס איז רש״י דאָס ניט מפרש ביים ערשטן מאָל, נאָר דווקא דאָ וואו משה זאָגט אָן די עדות צו שמים וארץ עצמן?

ב. אויך דאַרף מען פאַרשטיין דיוקים אין דעם פרש״י:

א) צוליב וואָס איז רש״י מאריך ומפרש „שכך אמרתי להם שאתם תהיו עדים״ — וואָס איז דאָ נוגע צו מודיע זיין צו שמים וארץ אַז ער האָט אָנגעזאָגט די אידן אַז זיי וועלן זיין עדים?

און מ׳קען ניט זאָגן[13] אַז דערמיט ווערט באַוואָרנט די אפשריות אַז אידן זאָלן ניט וועלן אַז שמים וארץ זאָלן זיין

9) ל, יט.

10) ולהעיר שפי׳ השני שברש״י שם כ׳ בספרי בפרשתנו עה״פ האזינו השמים.

11) כמ״ש בדברי דוד (להט״ז) כאן.

12) בפ׳ וילך לא, כח.

13) כמ״ש בפי׳ מהרי״ק ושפ״ח כאן.

עדים, וואָרום לכאורה איז קיין נפק"מ ניט פאַר די עדות צי דער מותרה איז מסכים אויף זייער עדות אָדער ניט — זיי ווערן עדות בכל אופן?

עס איז אויך ניט מספיק דער טעם, אַז התראה העלפט נאָר בשעת דער מותרה ווייס אַז מ'איז אויף אים מעיד עדים[14], וואָרום דאָס איז דאָך בנוגע די אידן — און די אידן האָבן דאָס שוין געוואוסט (ער האָט זיי שוין געזאָגט אין פ' נצבים) — און ניט צו שמים וארץ[15], צו די עדים[16].

ב) לשון רש"י „אם יאמרו ישראל לא קבלנו עלינו הברית מי בא ומכחישם" — פאַרוואָס זאָגט ער ניט דעם זעלבן לשון ווי אין ספרי[17] „לא קבלנו עלינו את התורה"[18] וביו"ב, אַז אָן עדים קען מען מכחיש זיין קבלת התורה והמצות בכלל?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים אַן אַנדער שאלה בכללות הענין:

ווי ס'איז משמע פון רש"י איז דאָס וואָס משה רבינו האָט געזאָגט אידן „העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ" אין ס"פ נצבים, און די עדות שבפרשתנו — „האזינו השמים גו'" איז די זעלבע זאַך, דער חילוק איז נאָר (ווי רש"י זאָגט[12]) „התם (אין פ' נצבים) לישראל אמר אבל לשמים וארץ לא אמר ועכשיו בא לומר האזינו השמים וגו'", און ווי רש"י זאָגט אויך אין דעם פסוק „שכך אמרתי להם שאתם תהיו עדים", אָבער לכאורה איז דאָס ניט אַזוי, וואָרום די רייד אין פ' נצבים אויף וועלכע משה רבינו האָט געזאָגט אידן „העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ", איז ניט דאָס וואָס שמים וארץ האָבן געהערט (די שירת האזינו) און געוואָרן אויף דעם עדות,

היינט ווי זאָגט רש"י אַז דאָס איז די זעלבע זאַך „שכך אמרתי להם שאתם תהיו עדים" און דער חילוק איז נאָר אַז אין האזינו האָט ער דאָס מודיע געווען אויך צו שמים וארץ?

ד. דער ביאור בכל זה: דער מובן פון וואָרט „עדות" כפשוטו איז — בכו"כ פסו־קים: — אַ צייכן, אַ סימן לזכרון אויף אַ געוויסער זאַך[19] — און דאָס קען זיין בכמה אופנים:

א) מען שטעלט אַוועק אַן עדות, אַ סימן אויף אַ געוויסע זאַך, אָבער די זאַך וואָס מ'מאַכט פאַר אַ סימן האָט קיין שייכות ניט צום תוכן וענין פון דעם מסומן; און ווי מ'האָט שוין געלערנט פריער ביי אברהם ואבימלך[20]: אויף אבי־מלך'ס שאלה „מה הנה שבע כבשות", האָט אים אברהם געזאָגט „כי את שבע כבשות תקח מידי בעבור תהי' לי לעדה כי חפרתי את הבאר הזאת".

וואָס די שבע כבשות מצ"ע האָבן קיין שייכות ניט און זיינען ניט קיין באַווייז

14) גו"א כאן. וראה משכיל לדוד.

15) וזה קשה גם להפי' שבדבק טוב ומשכיל לדוד. מלבד שפירושם דוחק ואינו מתיישב כלל בהמשך ולשון פרש"י.

16) השייכות „שאני מתרה בהם בישראל ותהיו אתם עדים" אף שבכלל עדים מעידים על עשי' ולא על התראה, אין רש"י צריך לבאר שכבר פירש לפנ"ז כמ"פ: בפ' מקץ (מג, ג) „העד העיד, לשון התראה שסתם התראה מתרה בו בפני עדים"; בפ' יתרו (יט, כא) „העד בהם, התרה בהם"; משפטים (כא, כט) „והועד בבעליו לשון התראה בעדים כו'". וראה לקו"ש ח"ו ע' 58 ואילך, ובהערות שם.

17) וראה תנחומא שיקיימו ישראל התורה והמצות כו' ואם ח"ו ימאנו כו'.

18) וכ"ה בדפוס שני דרש"י. ובב' כת"י רש"י לפנינו.

19) ראה אוה"ת ויקהל ע' ב'קו־ז.

20) וירא כא, כח ואילך.

אַז אברהם האָט געגראָבן דעם באר, נאָר ער און אבימלך האָבן ביידע מסכים גע־ווען אַז די שבע כבשות זיינען עדות, אַן אות וסימן צו געדיינקען אַז „חפרתי את הבאר הזאת".

אַזאַ סאָרט עדות וסימן דאַרף ניט זיין „קיים" אויך שפּעטער; נאָר דער מכוון פון דעם עדות וסימן בלייבט נאָכדעם ווי דער סימן ווערט בטל[21], און ווי ס'איז מובן בפשטות, אַז די שבע כבשות האָבן ניט געלעבט דעם גאַנצן משך זמן וואָס מ'האָט געדאַרפט האָבן אַן „עדה", אפי' ניט די גאַנצע צייט פון חיי אברהם וא־בימלך, כאָטש זייער עדות וסימן האָט געענוצט אַ לאַנגע צייט שפּעטער[22].

ב) אַז דער עדות וסימן אויף אַ זאַך האָט אַ שייכות צום תוכן פון דער זאַך; וע"ד דוגמא דער גל וואָס יעקב אבינו האָט געמאַכט אַלס „עד" צווישן זיך און לבן'ען — „עד[23] הגל הזה ועדה המצבה אם אני לא אעבור אליך את הגל הזה ואם אתה לא תעבור אלי את הגל הזה ואת המצבה הזאת לרעה".

ד. ה. — אויך דער סוג עדות איז נאָר ווי אַ סימן וזכרון אויפן ענין וואָס זיי האָבן אָפּגערעדט, אָבער דער עדות וסימן האָט אויך אַ שייכות צום תוכן הענין[24], אַ „גל" פון שטיינער באַוויזט אויף אַ מחיצה און אָפּשייד צווישן ביידע זייטן[25].

פון דעם איז מובן בענינינו: בשעת מען לערנט דעם פסוק „העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ" — ווערגן עדות וואָס זיינען ניט קיין בשר ודם, איז קיין קושיא ניט וואָס איז דער תוכן פון די עדות, אָדער פאַרוואָס נעמט מען דווקא די עדות, וואָרום אַזוי האָט מען אָפּגערעדט און באַשטימט די זאַך אַלס „עדות" וסימן אויף אַ געוויסן ענין, אפילו אַז עס האָט קיין שייכות ניט צום תוכן הענין.

רש"י איז נאָר מבאר אויף וואָס עס קומט די עדות און סימן פון שמים וארץ — „וכאשר תקרה אתכם הרעה יהיו עדים שאני התריתי בכם"[26].

און דאָס וואָס דאָ פאָדערט זיך אַזעלכע עדות וואָס זיינען „קיימים לעולם", ניט ווי ביי אַן עדות וסימן (וכיו"ב) פון די שבע כבשות וכו' — וואָרום ביי די שבע כבשות, וויבאַלד אַז דאָס איז געווען נאָר בנוגע צו אַ באַשטימטן אָרט און נאָר צווישן אברהם'ן און אבימלך וזרעם אחריהם,

21) להעיר ממדרשים שהובאו בתו"ש לוירא שם אות קכו־ז. אבל רש"י לא כתב כן — ראה פרש"י ראה יב, יז. יהושע טו בסופו. ועוד.

22) להעיר מפרש"י תולדות (כו, טו) „סתמום פלשתים מפני שאמרו תקלה הם לנו מפני הגייסות הבאות עלינו", ולא שרבו עלי' דשלהם היא.

23) ויצא לא, נב. שם, מח. משא"כ בפסוק מד פרש"י „הקב"ה". וכן מפורש בפסוק נ שם.

24) וי"ל שלכן בזה לקחו דוקא דבר הקיים ולא כבאברהם (ראה לקמן בפנים לפי' הב' ברש"י כאן) ראה רמב"ן ויצא שם מד. ספורנו שם, מה.

25) אבל לא ממש שהרי הי' „עד" גם לשאר דברים בהכתובים שם. ובכללות (לגבי פי' השני בפרש"י נצבים) גם העד דיעקב הוא כאופן הא' שהוא סימן וזכרון בעלמא והקב"ה הוא העד.

26) וכן צריך לפרש „העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ" בפ' ואתחנן (ד, כו) שפרש"י „הנני מזמינם להיות עדים שהתריתי בכם", שג"ז הוא רק סימן ע"ד הנ"ל. ומכיון שכבר פירש בואתחנן „הנני מזמינם" אי"צ לכפול הדברים בפ' נצבים. לאידך, מה שהוצרך לפרש בנצבים ולא סמך על פירושו בואתחנן, כי בכתוב זה לא מפורש על איזה דבר הוא אומר „העדותי גו'" (כבפנים) ולכן צריך לפרש „וכאשר תקרה כו'", משא"כ בואתחנן שממשיך „כי אבד תאבדון מהר גו'". ולכן מספיק פירושו להיות עדים שהתריתי בכם. וראה משכיל לדוד ואתחנן שם.

ווייס מען און מען געדיינקט דעם סימן אויך לאחרי זה. משא״כ בנדו״ד איז דאָך דער סימן ועדות נוגע צו אַלע אידן בכל הזמנים ובכל המקומות, איז דעריבער ניט גענוג וואָס די עדות וועלן זיין קיים נאָר בשעת עשיית הסימן[27].

דער פירוש איז אָבער ניט אינגאַנצן גלאַטיק: ווען פאַסט זאָגן אַז אַ געוויסע זאַך איז אַן עדות אַ סימן וזכרון אויף אַן אַנדער זאַך (וואָס האָט קיין שייכות ניט צו אים) דאַן ווען דאָס ווערט אַוועקגע־שטעלט (ע״י האדם) לכוונה זו עס זאָל זיין אַ סימן, דעמאָלט דערמאָנט דאָס כו׳, ביי שמים וארץ אָבער וואָס פון ששת ימי בראשית זיינען זיי אין דעמזעלבן מעמד ומצב, „קיימים לעולם״ איז דאָס לכאורה ניט שייך אויף אַזוי פיל[28], היות זיי זיינען ניט מיוחד לכך, ובכלל — קיין שינוי ניט געוועזן בהם[29].

דעריבער זאָגט רש״י אַ צווייטן פירוש „ד״א כו׳ א״ל הקב״ה לישראל הסתכלו בשמים שבראתי לשמש אתכם שמא שנו את מדתם כו׳ ומה אלו שנעשו כו׳״[30], אַז דער עדות פון שמים וארץ איז באופן אַז מצד ענינם זיינען זיי אַן אות וסימן וואָס דערמאָנט און איז מעורר אויף קיום התורה והמצות[31].

[און צו דער עדות „הסתכלו בשמים כו׳״ איז קיין סתירה ניט דאָס וואָס זיי זיינען דאָ פון שטענדיק, וויבאַלד אַז (ע״י הסתכלות איז) דער תוכן זייערער, אַז „לא שנו את מדתם כו׳״ אַן עדות וזכרון].

לאידך — לויט דעם צווייטן פירוש איז ניט גלאַט דער וואָרט „היום״, וואָרום וויבאַלד אַז זיי אַליין זיינען אַן עדות און דערמאָנען אויף קיום התורה ומצות דורך „הסתכלו בשמים כו׳״, איז דאָך זייער עדות תמיד בשווה, און ניט דווקא „היום״.

משא״כ לויטן ערשטן פירוש, כאָטש אַז דער סימן איז נוגע אויף שפּעטער, אָבער די קביעות העדות, דאָס באַשטימען זיי פאַר אַ סימן, ווערט אויפגעטאָן „היום״, ווען משה רבינו איז מתרה אידן און מאַכט זיי פאַר עדות.

ה. דער צד השוה אין די צוויי אויבע־נדערמאָנטע סוגי עדות איז וואָס מען דאַרף אויף דעם ניט האָבן דווקא אַ מענטש, אַ מדבר, און ס׳איז ניט נוגע אַז די עדות זאָלן וויסן פון דעם סימן.

---

27) ומה שפירשו בנצבים ולא בפ׳ ואתחנן י״ל כי התחלת הפרשה שם „כי תוליד בנים ובני בנים ונושנתם בארץ גו׳״, וא״כ מובן מה שהעיד בהם שמים וארץ, שקיימים יותר מבשר ודם, אבל אינו מוכרח שזהו לפי שהם קיימים לעולם כיון שהמדובר הוא בזמן סמוך ולא בכל הזמנים, וראה פרש״י שם ד״ה ונושנתם.

28) וי״ל שלכן לא פרש״י בפי׳ הא׳ כפשוטו שהם עדות וסימן וכו׳ שיקיימו התורה ומצות בכל הזמנים כו׳, ע״ד בשבע הכבשות והגל דיעקב ורק „כאשר תקרה אתכם הרעה כו׳״, על זמן מסויים, אבל גם זה דוחק קצת כבפנים.

29) וגם; לפי׳ זה קשה דהול״ל ואעידה בכם וכיו״ב כיון שעכשיו עשה אותם עדים משא״כ לפי׳ הב׳ מתאים ל׳ „העדותי״ כיון שענינם מצ״ע הוא העדות (גם לפני דבורו של משה) כדלקמן בפנים. וראה רע״ב ומשכיל לדוד שם.

30) מה שלא כתב רש״י גם פי׳ השני בפ׳ ואתחנן שם כי (כנ״ל הערה 26) שם ממשיך ומפרש „העדותי בכם היום את השמים גו׳ כי אבד תאבדון גו׳״ א״כ אין לפרש כפי׳ הב׳ בנצבים שהעדתי שלהם היא מה שהם עצמם מעוררים על קיום המצות. וראה משכיל לדוד ואתחנן שם.

31) ועפ״ז פי׳ „העדותי״ הוא כבכ״מ בפרש״י (הובא לעיל הערה 16) ענין ולשון התראה שהשמים והארץ מתרים בישראל. וי״ל דלכל הפי׳ גם לפי׳ הא׳ ברש״י הוא ענין ולשון התראה, אלא דלפי׳ זה הם רק מסייעים בההתראה, ולכן נאמר „העדותי״.

אין פסוק „האזינו השמים ואדברה ות־שמע הארץ אמרי פי", וואָס משה רבינו זאָגט צו שמים וארץ אַז זיי זאָלן הערן, קען מען ניט זאָגן אַז זייער עדות דאָ באַשטייט פון אַן אות וסימן (ווי ביי „העדותי וגו'" פריער), וואָרום צוליב דעם איז דאָך ניט נוגע אַז זיי זאָלן הערן און וויסן דערפון. מוז מען זאָגן, אַז דאָס איז אַן אמת'ער ענין פון עדות אויף אַ געוויסן מאורע אָדער דבור וכיו"ב. דעריבער איז רש"י מפרש „ותהיו אתם עדים בדבר", זיי זיינען טאַקע אינעם גדר פון אמת'ע עדות[32].

און דעריבער פרעגט דאָ רש"י „ולמה העיד בהם שמים וארץ" – וויבאַלד דאָס איז אַן עדות גמורה, איז פאַרוואָס האָט ער גענומען דוקא שמים וארץ אַלס עדים און ניט קיין בני אדם ווי בכל התורה?

[רש"י פרעגט ניט „איך העיד בהם שמים וארץ" – ווי אַזוי קען מען מאַכן שמים וארץ פאַר עדים אַז משה האָט מתרה געווען אידן, וויבאַלד אַז זיי זיי־נען ניט קיין מדברים און קענען ניט הערן און פאַרשטיין – וואָרום רש"י האָט שוין פריער מפרש געווען אין בראשית[33] ביי דשאין „אע"פ שלא נאמר למינהו בדשאין בציווייהן שמעו שנצטוו האיל־נות על כך ונשאו ק"ו בעצמן כו'"[34], ווייס מען דערפון אַז ביי זיי (און כש"כ ביי שמים וארץ) איז שייך דער ענין פון שמיעה והבנה[35]; די שאלה פון רש"י איז נאָר, פאַרוואָס זיינען דוקא שמים וארץ עדים און ניט אנשים, כרגיל].

אויף צו פאַרענטפערן דאָס איז רש"י ממשיך „אמר משה אני בשר ודם למחר אני מת כו'" – וויבאַלד עס קען זיין אַז אידן וועלן זאָגן „לא קבלנו עלינו הב־רית" דעריבער דאַרף מען האָבן „עדים שהם קיימים לעולם", זיי זאָלן קענען „מכחיש" זיין אָט די טענה.

עס איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: ווי־באַלד זיי זיינען אַן עדות גמורה, וואָס דער עיקר מכוון פון אַזאַ עדות איז דאָך ניט נאָר אַז זיי זאָלן וויסן וועגן דעם דבור אָדער מאורע נאָר זיי זאָלן שפּע־טער מעיד זיין און דערמיט אויפטאָן אַ פעולה אין דעם ענין – טאָ ווי איז עס שייך ביי שמים וארץ[36]?

דעריבער איז רש"י מוסיף „ועוד (ניט קיין צווייטן פירוש, נאָר אַ תוספת – עוד – ביאור אין דעם עדות פון שמים וארץ)[37] שאם יזכו יבואו העדים ויתנו שכרם כו' ואם יתחייבו תהי' בהם יד העדים תחלה ועצר את השמים כו'", ד. ה. אַז די שמים וארץ זיינען עדים גמורים, ניט נאָר אויף הערן די התראה אויף אידן און וויסן צי זיי האָבן מקיים געווען צי ניט, נאָר אויך צו אויפטאָן אַלס עדים אין דעם ענין אויף וועלכן זיי זיינען מעיד[38].

32) ועפ"ז מה שפרש"י בוילך (לא, כח) „התם לישראל אמר אבל לשו"א לא אמר ועכשיו בא לומר האזינו השמים וגו'", הכוונה לא רק שאותה העדות עדיין לא אמר להם אלא שנתחדש כאן גדר חדש, גדר דעדים. וראה לקמן הערה 39 מדפוס ראשון.

33) א, יב.

34) וראה לקו"ש ח"י ע' 180. אבל בפשש"מ לכאורה לא מצינו ענין שר ומזל.

35) ולהעיר דמפורש הוא בפרש"י שם (א, טז) בנוגע לצבא השמים – „נתמעטה הלבנה על שקטרגה ואמרה כו' להפיס דעתה". ולהעיר מרש"י (שם, יא) „והיא לא עשתה כן . . נפקדה גם היא על עונה". פרש"י שם (ד, יא) „בזו הוסיפה לחטוא".

36) להעיר מכלי יקר ריש פרשתנו.

37) בדפוס ראשון דרש"י הלשון „ולא עוד אלא שאם יזכו כו'". וראה תנחומא כאן.

38) עפ"י כהנ"ל מובן ד„וענתה השירה הזאת לפניו לעד כי לא תשכח גו'" (וילך לא, כא) וכן „והי' שם בך לעד" (שם, כו) אי"ז עדות גמורה אלא לאות וזכרון (ע"ד אופן הב' דפרש"י נצבים). וזהו שפירש"י (שם, כא) „שהתריתי בו בתוכה על

ו. ע"פ הנ"ל וועט ווערן פאַרשטאַנדיק אויך די איבעריקע דיוקים: וויבאַלד דאָ אין פסוק קומט צו אַ נייער ענין, אַז שמים וארץ ווערן אמת'ע עדים, איז דאָך איינע פון די כוונות פון געבן אַ התראה בפני עדים ניט נאָר בכדי קענען שפּעטער מעניש זיין וכו', נאָר אַז דער מותרה זאָל וויסן און פילן חומר הדבר און עס זאָל אים אָפּהאַלטן פון טאָן דעם ענין בלתי רצוי, במילא בשעת משה האָט געזאָגט צו שמים וארץ „האזינו השמים גו' ותש־מע הארץ" זיי זאָלן הערן די התראה און זיין עדות, ווערט די שאלה עס פעלט דאָך ביי זיי אַן ענין עיקרי אין מכוון פון עדות, מ'דאַרף דאָך אַז אידן זאָלן וויסן (וואָרום דאָס וואָס פריער האָט זיי משה געזאָגט „העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ", האָט דאָך קיין שייכות ניט צום ענין העדות, עס איז געווען נאָר אַ סימן און אַן אות, כנ"ל בארוכה).

דעריבער איז רש"י מוסיף „שכך אמר־תי להם שאתם תהיו עדים" — ער מיינט דערמיט (ניט דעם דבור „העדותי בכם היום את השמים גו'" פון ס"פ נצבים, נאָר) דעם פסוק „ואעידה בם את השמים ואת הארץ" פון ס"פ וילך[39], וואָס דאָרטן האָט ער געזאָגט אידן[40] אַז ער מאַכט שמים וארץ פאַר עדים גמורים,

ובמילא איז מובן די תועלת ופעולה פון דעם וואָס שמים וארץ זיינען עדות אויף דער התראה, וויבאַלד אַז אידן ווייסן פון דעם.

ז. עפּ"ז ווערט אָבער נאָך שטאַרקער די קושיא הנ"ל ס"ג: לויט דעם זיינען שמים וארץ אמת'ע עדים נאָר אויף דעם וואָס ווערט געזאָגט אין פ' האזינו, אָבער אויף דעם וואָס משה רבינו האָט געזאָגט די אידן בפ' נצבים זיינען זיי ניט קיין עדים ממש, נאָר בלויז אַ סימן ואות בעלמא.

איז דער ביאור בזה: אין פרשת נצבים זאָגט משה „העדותי בכם היום את הש־מים ואת הארץ החיים והמות גו' ובחרת בחיים למען תחי' אתה וזרעך", היינו אַז די עדות דאָרט איז בנוגע קיום התורה והמצות בכלל און דער שכר ועונש פאַר זיי — און אויף דעם דאַרף מען ניט קיין עדים, ווייל ס'איז איבערהויפּט ניטאָ קיין חשש אַז אידן וועלן שפּעטער מכחיש זיין דעם גאַנצן ענין פון נתינת התורה והמצות — דאָס איז אַ מפורסמ'דיקע זאַך וואָס אַלע אידן ווייסן און עס גייט איבער מדור לדור.

און דעריבער איז אויף דעם מספיק אַן עדות אַלס אות וסימן, אַז מ'זאָל שטענ־דיק געדיינקען וועגן תורה ומצות און דעם עונש ע"ז (און לויט די צוויי אופנים פון די צוויי פירושי רש"י).

משא"כ בפרשתנו וואָס דער תוכן פון דער שירה איז ניט (בלויז) וועגן דעם עצם חיוב פון קיום תורה ומצות, נאָר ער אַנטהאַלט דברי הברית, וואָס אין דעם זיינען דאָ כו"כ פרטים (ווי ער זאָגט אין דער סדרה) — און דעריבער — א) קען דאָ זיין אַ מציאות אַז מ'זאָל

---

כל המוצאות אותו". וראה רא"ם שם. צידה לדרך ריש פרשתנו.

39) ולהעיר שבדפוס ראשון בפרש"י וילך הוא בשינוי לשון: „לישראל אמר שאני מעיד עליכם את השמים ואת הארץ אבל לשמים וארץ לא אמר עדיין תהיו עדים" ומוסיף: „למדנו למי שמתרה על חבירו בפני עדים צריך שיאמר לעדים אתם עדי לפיכך עתה שבא לומר האזינו השמים סמוך להקהילם". ולפי"ז לפרש"י „ואעידה בם את השמים ואת הארץ" הוא בעיקר אמירה לשמים וארץ. ובכל הדפוסים אינו.

40) אף שהדיבור בפועל, „ואעידה בם גו'" הי' אל „הלוים נשאי ארון ברית ה'" (לא, כה).

מכחיש זיין „לא קבלנו עלינו הברית״; און ב) אויף דעם העלפט ניט קיין סימן ואות (אפילו באופן הב׳ פון פרש״י אין נצבים), וואָרום אַ סימן איז בלויז מעורר און דערמאָנט אַז מ׳זאָל ניט פאַרגעסן אַ זאַך בכללות, אָבער ניט ווען עס רעדט זיך וועגן אַ זאַך מיט כמה פרטים (און ס׳קען זיין אַז מ׳זאָל די זאַך אינגאַנצן מכחיש זיין).

דעריבער דאַרף מען אויפן ברית האָבן עדים ממש, וואָס זיי הערן פרטי ההתראה און זיינען אויף דעם עדים (ביז זיי פירן אויס די עדות בפועל ממש).

ח. פון די ענינים מופלאים ע״ד ההלכה אין דעם פרש״י:

לכאורה, וויבאַלד רש״י איז מפרש אַז סיי שמים און סיי ארץ זיינען עדים פאַרוואָס איז רש״י ניט מעתיק בתחלת פירושו (פון פסוק) אויך די ווערטער „ותשמע הארץ״.

וועט דאָס זיין פאַרשטאַנדיק ע״פ אַן אַנדער שאלה: וויבאַלד אַז שמים וארץ זיינען עדים גמורים, וואָס אויף זיי שטייט[41] „ע״פ שני עדים גו׳ יקום דבר״ אַז די צוויי עדים דאַרפן זיין צוזאַמען, אין דעם זעלבן אופן — ווערט דאָך די שאלה: צו שמים האָט משה געזאָגט „האזינו״ און צו ארץ „ותשמע״, זיינען זיי צוויי באַזונדערע עדים, פעלט דאָך ענין העדות.

ע״פ דרך הדרוש וההלכה — שטייט אין ספרי „כשהעדים מעידים אם נמצאו דבריהם מכוונים כאחד עדותם קיימת ואם לאו אין עדותם קיימת, כך אלו אמר משה האזינו השמים ושותק היו שמים אומרים לא שמענו אלא בהאזנה ותשמע הארץ היתה הארץ אומרת לא שמעתי אלא בשמיעה בא ישעי׳[42] וסמך לדבר שמעו שמים והאזיני ארץ ליתן האזנה ושמיעה לשמים והאזנה ושמיעה לארץ״, רש״י ברייינגט דאָס אָבער ניט אַראָפּ און דער טעם דערפון איז מובן, וואָרום לפי״ז קומט אויס, אַז ביז דעם זמן פון ישעי׳ זיינען זיי ניט געווען קיין עדות (מכוונת)[43], בעת פון פשטות הכתובים דאָ איז מוכח אַז זיי זיינען גלייך געוואָרן עדים[44].

דעריבער איז רש״י מעתיק נאָר די ווערטער „האזינו השמים״ און זאָגט „ותהיו אתם עדים בדבר״ לשון רבים, אַז שמים אַליין זיינען עדים ל׳ רבים[45] [און ווי מ׳האָט שוין געלערנט פריער כמ״פ בפרש״י[46] אַז ס׳איז דאָ מער ווי איין שמים], און רש״י איז דערנאָך מוסיף „וכן ותשמע הארץ״, אַז אויך ארץ איז אַ כת עדות בפ״ע [און אויך דאָס איז אַן ענין ידוע, וואָרום ארץ איז כולל צענדליגער ארצות[46*]][47]. ובמילא איז דאָ אַן עדות מכוונת, שמים און ארץ זיינען שתי כתי עדים[48].

41) שופטים יט, טו.

42) ישעי׳ א, ב.

43) ראה פרש״י שופטים יז, ד.

44) ברבותינו בעלי התוס׳ ריש פרשתנו הובא דרש הנ״ל בשם רש״י. והכוונה לפרש״י ישעי׳ שם. אבל ידוע דרש״י בפירושו לנ״ך אינו בדיוק בתכלית ע״פ פשוטו כמו בפירושו עה״ת. הטעם בזה ראה לקו״ש חי״ד ע׳ 87 שוה״ג להערה 10.

45) ראה משכיל לדוד ודבק טוב כאן.

46) יתרו יט, כ „מלמד שהרכין שמים עליונים ותחתונים״. שם כ, יט. ואתחנן ד, לה: שבעה רקיעים. ועוד.

*46) נח י, ה ואילך.

47) ונאמר „ותשמע הארץ״ לשון יחיד, כי ארץ ל׳ יחיד, ופשוט. ובנדו״ז יומתק ע״פ מה שפירש רש״י לפנ״ז (שופטים יט, טו) כל עד שבתורה שנים אא״כ פרט לך בו אחד. (שם, יח) „כל מקום שנאמר עד בשנים הכתוב מדבר״.

48) וי״ל שזהו גם הביאור ע״פ פשש״מ מה שלא העתיק רש״י ותשמע הארץ בתחלת פירושו רק כתב בתוך פירושו „וכן ותשמע הארץ״ אבל לא מטעם קושיא הנ״ל שבספרי.

ט. נאָך אַן ענין בהלכה אין פרש״י:

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: ווי אַזוי זאָגט משה רבינו „האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי" און דערמיט מאַכט ער זיי פאַר עדים — פון וואַנעט איז די ראי' אַז זיי ווילן ווערן עדים אויף אידן (און מעניש זיין זיי אם יתחייבו)?

איז רש״י דאָס מרמז מיט די ווערטער „שכך אמרתי להם שאתם תהיו עדים" — און דאָס וועט זיין מוסבר ובהקדים, וואָס ביי די עדות פון ס״פ נצבים שטייט ניט אַז ס'איז געווען אַ הקהלה מיוחדת פון אידן[49]; משא״כ אין ס״פ וילך, וואו עס שטייט „ואעידה בם את השמים ואת הארץ", אַז זיי ווערן עדים ממש, שטייט „הקהילו אלי את כל זקני שבטיכם ושו־טריכם ואדברה באזניהם את הדברים האלה ואעידה גו'" — לכאורה מאי בינייהו?

נאָר דאָס איז מהאי טעמא גופא: ווי־באַלד אַז משה רבינו האָט געוואָלט זאָגן „האזינו השמים", „שאני מתרה בהם בי־שראל ותהיו אתם עדים בדבר", האָט ער דעריבער מקהיל געווען „זקני שבטיכם ושטריכם", וואָס דאָס זיינען די אנשי הסנהדרין ובי״ד — און אַ ב״ד האָט בכח צו פועל זיין אויף שמים וארץ, אַז זיי זאָלן ווערן עדים[50].

49) אף שי״ל שכל הפרשה היא בהמשך להתחלתה „אתם נצבים היום כולכם גו'". ראה לעיל ע' 259 ואילך.

50) לכאורה יש להקשות למה הוצרך משה לזקני שבטיכם, הרי הוא עצמו בכחו לצוות לשמים וארץ וכו', כיון שהוא יחיד מומחה ושווה כב״ד. אך כבר ביאר רש״י בפ' וילך שם „ואין שלטון ביום המות" ולא הי' בכחו לדון ולשלוט בזה בעצמו. נוסף לזה מפורש בפרש״י ר״פ וילך („לא אוכל עוד) לצאת ולבא בדברי התורה מלמד שנסתמו ממנו מסורות ומעיינות החכמה".

נאָכמער: די עדות זייערע איז דאָך געווען ניט נאָר אויף הערן די התראה נאָר אויך בכדי מעיד זיין אויף זיי טאָמער זיי וועלן מכחיש זיין, ביז אַז זיי דאַרפן אויך אויספירן דעם דין פון „תהי' בהם יד העדים תחלה", ווי רש״י איז ממשיך — וואָס סיי דער עדות זאָגן פון די עדים ובפרט דאָס אויספירן דעם פסק דאַרף דאָך זיין ע״י ב״ד, דעריבער איז רש״י מוסיף „שכך אמרתי להם שאתם תהיו עדים" וואָס דוקא עי״ז זיינען זיי געוואָרן אַן עדות גמורה, ע״י ב״ד.

יוד. פון יינה של תורה אין פרש״י:

דער טעם בפנימיות הענינים וואָס אין פרשת נצבים, וואו עס רעדט זיך וועגן קיום התורה והמצות בכלל, איז מספיק עדות אַלס אַ סימן וזכרון, משא״כ בפרש־תנו בנוגע דעם ברית דאַרף מען האָבן אַ עדות גמורה, י״ל: בנוגע צו קיום התורה ומצות בפועל איז ניט שייך אַז אַ איד זאָל, ח״ו, מכחיש זיין, ער זאָל במזיד ניט מקיים זיין תורה ומצות; עס איז נאָר וואָס נכנס בו רוח שטות און „נדמה לו" אַז „עודנו ביהדותו"[51]. ובמילא איז אויף דעם געגנוג (עדות — אַלס) סימן וזכרון. און די עדות איז בב' אופנים: „כאשר תקרה אתכם הרעה יהיו עדים שאני התריתי בכם בכל זאת", ד. ה. די עדות דערמאָנען אַז די רעה איז מצד דעם העדר קיום התורה ומצות, ובמילא דערמאָנט עס אים אַז דורכדעם ווערט ער נפרד מאלקות.

און דער צווייטער אופן איז, אַז „שמים וארץ עצמן" זיינען מעורר צו קיום התורה והמצוה[52].

51) תניא פי״ד. וראה שם פכ״ד.

52) וע״ד המבואר בתניא (פכ״ד שם) בנוגע לג'

אָבער בפרשתנו, וואו עס רעדט זיך וועגן אַ ברית, וואָס אַ ברית איז ניט בלויז אויף קיום התורה בפועל, נאָר בעיקר אויף אַ התחזקות יתירה אין קיום התורה ומצות מיט אַלע פרטים, איז אויף דעם ניט מספיק אַ סימן ואות, נאָר מען דאַרף האָבן עדות גמורה.

והטעם בזה: בכדי אויספירן דעם ברית להתחזקות יתירה אין קיום התו"מ, איז עס דורך דעם וואָס מ'איז מעורר ומגלה דעם כח המס"נ וואָס איז דאָ ביי אידן — און דער גילוי כח המס"נ איז דורך ענין העדות: דער ענין פון עדות איז (ווי דער אַלטער רבי איז מבאר בארוכה[53]) אויף אַ דבר הנעלם, אָבער אויף אַ דבר הנגלה דאַרף מען ניט (און עס איז ניט שייך) קיין עדות; און אפילו אויף אַ מלתא דעבידא לאגלוי' דאַרף מען אויך ניט קיין „עדות גמורה". עדות איז דוקא אויף אַ דבר הנעלם לגמרי, און דוקא דורך עדים ווערט די זאַך נתגלה.

און דעריבער — אויף מגלה זיין דעם כח המס"נ וואָס נעמט זיך פון יחידה שבנפש וואָס איז דבר הסתום, העכער פון גילוי לגמרי, דאַרף מען האָבן עדות גמורה.

(משיחות ש"פ האזינו תשכ"ו)

---

קה"ט שאינן משנים תפקידם.

הטעם לסדר הפירושים, כי מתחלה צריך להדגיש התבוננות השייכת לכ"א גם למדרי' פחותה, שאינם מרגישים ושייכים להסתכלות והתבוננות, שעי"ז תקרה אתכם הרעה — שנעשה נפרד מאלקות. ואח"כ ההסתכלות ההתבוננות בשמים ובארץ שמעורר לקיום המצות.

53) לקו"ת פקודי ד, סע"א ואילך. וראה גם ד"ה ויקם עדות ה'ש"ת פ"א. ועוד. וראה בארוכה לעיל ע' 190 ואילך.